"KADIMAH" — DAVID HERMAN THEATRE GROUP

Presents:

**JACOB WAISLITZ'S**

PRODUCTION

# "THE LADY OF THE PALACE"

A Dramatic Episode in Three acts, by
LEAH GOLDBERG.

*

THE CAST:

| | |
|---|---|
| Michael Zand (librarian from Eretz Israel . . . . . . . . . . . . . . . . | JASHA SHER |
| Dora Ringel (Youth Aliyah worker) | RACHEL LEWITA |
| Zabrodsky (warden of the palace) . | JACOB WAISLITZ |
| Lena . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . | CHAYELE SHTORCH |

Scene: An old palace in Central Europe.
Time: September 1947.

*

Decor: Aaron Gurwitch.
Stage manager: Shie Tigel
Light: Meyer Davis.
Make-up: Zygmunt Brustman.

---

## Synopsis:

### ACT ONE.

In September 1947, two people, Michael Zand, a librarian of the National Library in Jerusalem and Dr. Dora Ringel, a Youth Aliyah worker meet in a Central European capital.

Zand, in search of special books, visits, in company with Dora, an old palace. Owing to a sudden thunderstorm, they cannot return to the town and ask the palace warden Mr. Zabrodsky to let them stay overnight.

Dora's rest is broken by the atmosphere of the palace and the warden's queer behaviour—he tells her that there are ghosts in the palace.

He also tells them that the palace had been Supreme Staff headquarters of the Nazis for the last war. Zabrodsky himself co-operated with the Maquis who tricked the Nazis into being captured by the Liberating armies. As a reward Zabrodsky is appointed warden of the museum into which the palace has been converted, but the warden was bitter over this; he has lost his faith in this generation, its culture and its beliefs.

Printed by "YORK PRESS LTD." 198-204 Faraday Street, Carlton.

In the Library a French cucko-clock catches Zand's eye. When the cucko-clock has called ten times, the Library wall moves suddenly and from a secret opening emerges a young girl. Seeing the strange man she utters a cry of terror.

## ACT TWO.

### (Immediately after Act one).

The girl implores Zand not to kill her. He is completely bewildered by what is happening. It dawns on him that she believes the war still to be on and takes him to be a Nazi, living in the palace, who came to kill her.

Zand calls Dora to his aid. They discover that the girl (Lena) was hidden by Zabrodsky in a secret room during the war. She was only allowed to emerge when Zabrodsky gave the agreed signal—the call of the cuckoo-clock.

He created for her an imaginary world of beauty and dreams, till Lena believed herself to be the Lady of the Palace.

Zabrodsky needed her to re-create his destroyed world, which in his yearnings he continued to inhabit. His soul became tied to hers.

Lena, uncertain of the future, had guarded some poison in a locket. Dora tries to take it from her but fails.

Zand and Lena eventually convince Lena the war is over and that she can live a normal life. She yields and prepares to go with them to Israel.

Suddenly the cucko-clock calls eleven times. Zabrodsky rushes in.

## ACT THREE.

### (Immediately after Act two).

Zabrodski tells Lena she is free to go, but she recoils in fear from the new life opening out. She decides to remain in the old palace.

But the warden tells her the two people have changed their imaginary world.

She rushes back into the secret room and Zabrodsky tries to save his world by suggesting that Zand and Dora were deluded—there had been no Lena nor secret room.

They are agitated, however, fearing Lena has poisoned herself. (Zabrodsky did not know of the poison).

Then Lena comes out dressed ready to go with Zand and Dora to a new life in Israel.

Zabrodsky, left alone, slumps into an old arm-chair and seems himself transmuted into a old Museum piece.

**Next Premiere:—**

**MOSHE POTASHINSKI'S Production of David Pinski's "THE TREASURE" with Mila Waislitz & Moshe Potashinski.**

# לאה גאָלדבערג

נאָכדעם ווי זי האָט געענדיקט דאָס שטודירן פילאָזאָפיע און סעמיטישע שפּראַכן אין די אוניווערזיטעטן פון קאָוונע, בערלין און באָן, האָט זי עולה געווען קיין ארץ ישראל אין יאָר 1935 און האָט אָנגעהויבן איר פּאַרצווייגטע ארבעט אַלס דיכטערין, דערציילערין און קריטיקערין. זי האָט געהערט צו דער גרופּע שרייבער „יחדיו" (צוזאַמען), וואָס האָט אַרויסגעגעבן דאָס ליטעראַרישע וואָכנבלאַט „טורים" (קאָלומנס). איר עיקרדיק אַרבעט־פעלד איז די פּאָעזיע, וואָס איז באַאיינפלוסט פון דער מאָדערנער, אייראָפּעאישער פּאָעזיע. אין איר פּאָעזיע פאַרנעמט אַ וויכטיק אָרט די ליבע און דאָס געוועב פון גייסטיקע און קערפּערלעכע באַציאונגען צווישן מאַן און פרוי. אַ פאַרהאַנג פון טרויער און אַנטוישונג איז פאַרשפּרייט אויף איר פּאָעזיע, גלייך ווי אַ טונקעלער שלייער, אָבער פון הינטער אים באַהאַלט זיך אַ גייסט פון אַ פּאָזיטיוו לעבן און רוף צו אַן אַקטיוון קאַמף מיט די כוחות פון פינצטערניש און טויט.

אַן אַנדער געביט פון איר ליטעראַרישער שאַפונג איז די דערציילערישע פּראָזע. איר ראָמאַן „והוא האור" (און דאָס איז דאָס ליכט) טראָגט אין זיך אַ שטאַרקן אויטאָביאָגראַפישן פּאָדעם. אירע קינדער־לידער און דערציילונגען האָבן פיל באַרייכערט די ישראלדיקע קינדער־ליטעראַטור.

ווי אַ קריטיקערין פאַרנעמט זיך לאה גאָלדבערג בעיקר מיט די פּראָבלעמען וואָס זענען פאַרבונדן מיטן טעאַטער, און בפרט מיטן העברעאישן טעאַטער. אַן אַנדער טייל פון איר קריטיק־אַרבעט איז געווידמעט פאַרשידענע פאַרשטעלונגען פון דער אייראָפּעאישער דראַמאַטורגיע. אַזוי אויך האָט זי געגעבן אַ וויכטיקן צושטייער צו די מוסטערהאַפטע איבערזעצונגען פון דראַמעס און יסודותדיקע ביכער, און וויכטיקסטע פון זיי איז דאָס מאָנומענטאַלע ווערק פון ל. נ. טאָלסטאָי „מלחמה און שלום".

---

אונדזערע ספּעציפישע פּראָבלעמען קענען נישט ווערן געלייזט אָן דער פאַרבינדונג מיטן גורל פון דער גאַנצער עפּאָכע. און דערפאַר ווערט אין דעם טריאָ פון דער שוישפּיל געהערט ווערן אויך די שטים פון איינעם אַ ווייט־פאַרעמדן, און דאָס איז די געשטאַלט פון זאַוראַצקי.

איך האָב גערופן „טריאָ", אָבער אין דעם דראַמאַטישן עפּיזאָד נעמען אָנטייל פיר מענטשן און אין דער אייגנטלעכער אַקציע איז די פּערטע, לענאַ, ווי אַן אָביעקט. זי איז דאָס ציל־ברעט פאַר די פיילן און שפּיזן פון דער דאָזיקער אַכזריותדיקער און רשעותדיקער צייט. די צעטריסלטע וועלט פון לענאַן איז די מענטשלעכע וועלט, וואָס טראָגט אין זיך אַלע מעגלעכקייטן פון באַנעמען די פאַרגאַנגענהייט און די טראַגישע קעגנוואַרט, און ווייל זי איז אַזוי יונג — ווענדט איבער דאָס עיקרדיקע, די צוקונפט. צוליב דעם איז לענאַ פאַר מיר געווען מער אפשר ווי די אַנדערע דריי, דער אויסגאַנגס־פּונקט און די צענטראַלע אידעע אין דער פאַרשטעלונג.

אין מאַנוסקריפּט האָב איך גערופן די פאַרשטעלונג „אַ דראַמאַטישער עפּיזאָד". איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז אין די דאָזיקע טעג ווען די אַקציע קומט פאָר, איז דאָס געווען איינער פון אַ סך פאַלן, וואָס האָבן אויף איין רגע באַלויכטן אונדזער לעבן מיט זייער אויסטערליש ליכט. פונדעסטוועגן, און נישט צוליב טעכנישע באַטראַכטונגען, איז די פאַרשטעלונג געבויט אויף דער איינהייט פון אָרט און צייט. אין דער נאָר וואָס פאַרגאַנגענער עפּאָכע וואָס נעמט אונדז אַרום, זענען דאָס — דריי שעה אין לעבן פון פיר מענטשן.

לאה גאָלדבערג — יידיש: ישעה טאַוב


די נייעסטע פּרעמיערע
# „דער אוצר"
משה פּאַטאַשינסקיס אויפפירונג פון דוד פּינסקיס
מיט דער באַטייליקונג פון מילאַ וויסליץ — משה פּאַטאַשינסקי

## טעאַטער־קרייז א.נ. דוד הערמאַן בײַ דער „קדימה״

שבת דעם 20טן יולי 1957 אין „קדימה״־זאַל

### יעקב ווייסליצס אויפֿפֿירונג

# „די גרעפֿין פֿון פּאַלאַץ״

(בעלת הארמון)

# פּראָגראַם

דראַמאַטישער עפּיזאָד אין 3 אַקטן פֿון לאה גאָלדבערג. ייִדיש ישעיה טאוב.

**עס שפּילן**

מיכאַל זאַנד — . . . . . . יצשאַ שער
אַ ביבליאָטעקאַר

דאָראַ רינגעל — . . . . . רחל לעוויטאַ
אַ טוערין פֿון דער „יוגנט עליה״

זאַוואַראָצקי — . . . . . יעקב ווייסליץ

לענאַ . . . . . . . . היהלע שטאָרך

דאָס אָרט פֿון דער אַקציע: אַן אַלטער פּאַלאַץ אין איינעם פֿון די צענטראַל־אייראָפּעאישע לענדער. די צײַט: אַן ערך איבער צוויי יאָר נאָך דער וועלט־מלחמה. סעפּטעמבער 1947.
דער ערשטער אַקט קומט פֿאָר צווישן 9 און 10 אָוונט, דער צווייטער — צווישן 10 און 11 אָוונט און דער דריטער — צווישן 11 און 12.

דעקאָראַציע: אהרן גורוויטש — בינע־לייטער: שיע טיגעל

ליכט־עפֿעקטן: מאיר דייוויס — כאַראַקטעריזאַציע: זיגמונט ברוסטמאַן

## אַ ייִדישע פֿאָרשטעלונג אין אַ פּאַלאַץ?

די גרעפֿין פֿון פּאַלאַץ? האָבן מיך געפֿרעגט נײַגעריקע, וואָס פֿאַר אַ דראַמאַטישער נאָמען? צי איז דאָס אַ פֿאָרשטעלונג וועגן אַן אַלטן פּאַלאַץ, וועגן געהיימע רוחות, וועגן לעבן און טויט? יאָ, אויב איר ווילט איז דאָס טאַקע אַ ראָמאַנטישע פֿאָרשטעלונג און עס זענען אין איר פֿאַראַן אַלע עלעמענטן אין אייגנטלעכן זינען פֿון וואָרט: אויך אַן אַלטער פּאַלאַץ, אויך געהיימע רוחות, אויך ליבע וואָס ווינט צוזאַמען מיטן טויט און אַפֿילו אַפּאָקאַלעפּטישע וויזיעס וועגן „פֿערטן קעניגרייך״, וואָס איז איבערערדיש, און אַפֿילו די ראָמאַנטישע עלעמענטן וואָס געפֿינען זיך אין דער נאַטור ווי: אַ שטורעם, דונערן און בליצן און לבנה־ליכט... און די דאָזיקע פּשוטע פֿאָרשטעלונג איז בפֿירוש אַ רעאַליסטישע פֿאָרשטעלונג, אין וועלכער עס שפּיגלען זיך אָפּ רעאַלע געשעענישן, וואָס קומען פֿאָר אין אונדזער דור מיט מענטשן וואָס מיט און צווישן אונדז.

די דיסקוסיע, וואָס ווערט געפֿירט אין דער פֿאָרשטעלונג, דרייט זיך צווישן צוויי פּאָלוסן: צווישן געהיימע רוחות (טויטע גײַסטער) פֿון דער ווײַטער און נאָענטער פֿאַרגאַנגענהייט און צווישן דעם ווענדפּונקט אינעם אַנטשיידענעם מאָמענט פֿון אונדזער טראַגישער ווירקלעכקייט, וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ גאָר וויכטיקע דאַטע אין אונדזער קאַלענדאַר. אויב ראָמאַנטיק פֿאַרלייקנט די ווירקלעכקייט, דאָס געפֿיל פֿאַרן לעבן אַקעגן איבער דעם חלום און דעם טויט, איז עס געוויס אַ ראָמאַנטישע פֿאָרשטעלונג. און די ווענדפּונקטן אין דער וועלט־געשיכטע זענען דאָך שטענדיק געווען אָנגעזאַפּט מיט אַזאַ אַרט ראָמאַנטיזם. „צי איז דאָס אַ ישׂראלדיקע פֿאָרשטעלונג״? וועלן מיך ווידער פֿרעגן די נײַגעריקע? לויט מײַן בעסטער אינטואיציע און כוונה, יאָ, דאָס איז אַזאַ פֿאָרשטעלונג. אָבער ישׂראל, אונדזער לאַנד און אונדזער ייִדישער לעבנס־מהות זענען נישט לויט מײַן מיינונג אַן אָפּגעזונדערטער און עקזאָטישער אינדזל צווישן די פּראָבלעמען פֿון קיום פֿון מענטש אויף דער וועלט אין אונדזער דור.